צו די ענינים, ועי"ז וועט ניתוסף ווערן הליכה (שזהו"ע "אזילי") מצד ענין השמחה, און ס'וועט זיין ילך לבטח דרכו בלימוד התורה ובקיום המצוות, און מ'זאל נעמען די התמדה ושקידה און די הידורים וועלכע מ'איז אויף זיי מחליט בשמע"צ ושמח"ת, אויף א גאנץ יאר, אז מ'זאל מיט זיי גיין כל השנה כולה מחיל אל חיל, ביז אז "ויפגעו בו מלאכי אלקים וגו'", אז משיח צדקנו ובקרוב ממש, און פירט אונז קוממיות לארצנו הקודשה בגאולה האמיתית והשלימה.

* * *

ג. מ'האט דאך פריער גערעדט וועגן די שיחה פון תש"ה, האט כ"ק מו"ח אדמו"ר יעמולט אויך געזאגט אז "שמח"ת זיינען "תרעין פתיחין", עס זיינען אפען די שערי אורה, שערי ברכה, שערי הצלחה, אלע שערים זיינען אפען, און דאס נעמט מען מיט תורה".

לכאורה איז ניט פארשטאנדיק, וויבאלד ער זאגט אז אלע שערים זיינען אפען פארוואס כאפט ער אן בלויז די דריי "שערי אורה, שערי ברכה, שערי הצלחה". ניט פיר און ניט צוויי? לכאורה קאן מען זאגן אז דאס איז ע"פ א"ב, אור און ברכה, אויב אזוי וואלט ער געדארפט רעכענען אויך שערי גאולה, און ווי מ'זאגט בכמה יה"ר, אור ברכה וגאולה, וואס דאן גייט די דריטע אויך אריין בסדר הא"ב.

אויב מ'וועט זאגן אז דער טעם אויף דערמאנען נאר דריי, איז ווייל ער וויל כולל זיין אלע שערים, וואלט ער לכאורה געדארפט אויסרעכענען דעם ערשטן און דעם לעצטן ע"פ א"ב, וכידוע אז "את" איז כולל אלע כ"ב אותיות התורה, מצד דערויף וואס עס האט סיי דער ערשטער אות און סיי דער לעצטער אות.

כמבואר בשעיוח"א אויף "ואתה מחי' את כולם", אז אתה איז כולל אלע אותיות, ווארום א' און ת' איז דאס דער ערשטער און לעצטער אות, און ה' גייט דאס אויף די ה' מוצאות הפה, וואס דאס איז מקורן.

אזוי אויך בנדו"ד וויבאלד אז ער מיינט אלע שערים, וואלט ער געדארפט זאגן א ווארט וועלכע הויבט זיך אן מיט א ת"ו.

דערפון וואס ער זאגט שערי אורה ברכה והצלחה איז פארשטאנדיק אז זיי זיינען ענינים כלליים, און בישט מצד דעם סדר האל"ף בי"ת, נאר מצד זייער תוכן און דערפאר בשעת מ'זאגט אז בשמח"ת תרעין פתיחין, רעכנט מען אויס די שערים המיוחדים.

נאך מערער דארף מען פארשטיין: שמח"ת איז דאך ממשיך שמחה על כל השנה כולה, נישט נאר בעניני אורה וברכה והצלחה נאר בכל הענינים, בכל הכ"ב אותיות וואס דאס איז דאך דער ענין פון שנה, א דבר שלם, און עס שליסט אפ כל הענינים מתחילתה ועד סופה, כולל אין זיך אלע ענינים.

ווי מ'זעט דאס אויך בעניני סוכות, אז בשעת מ'וויל ארויסברייינגען די מעלה פון א אתרוג זאגט מען פרי עץ הדר, הדר באילנו משנה לשנה. וואס איז די מעלה אז דר באילנו משנה לשנה, ער יאעגט זיך דאך אויף דעם בוים כמה שנים, ואדרבה בכדי ער זאל זיין כשר למצותו דארף דורך גיין כמה שנים, פינף יאר, ג' שנות ערלה, און דערנאך שנה אחת נטע רבעי, און דערנאך ערשט קאן מען דאס פירן אין ברוקלין מאכן אויף דעם א ברכה.

און פונדעסטוועגן זאגט מען אז די מעלת האתרוג איז דאס וואס דר באילנו משנה לשנה, דער ענין השנה, וואס דאס ווייזט אז עס טראגט דורך אלע שינוים, און ניט נאר אז די שינוים זיינען נישט מזיק דעם אתרוג, נאר אדרבה ווי עס שטייט אמאל אין חסידות אז גדל מזה, ד.ה. אז די ענינים וועלכע מ'מיינט אז זיי זיינען מזיק קערט מען עס איבער און עס העלפט גאר צו אין זיין גידול,



הנחה פרטית בלתי מוגה

און דאס איז דער אויפטו פון א אתרוג, אז פון אתרוג לערנט מען אפ אויך אויף די איבעריקע מינים אז זיי דארפן זיין הדר. און איז ניט באקראי בעלמא, נאר דאס באווייזט אז דער ענין ההדר וואס ס'איז דא בא אלע מינים נעמט זיך מענין האתרוג, וואס דערפאר איז בא אתרוג שטייט ענין ההדר, און דערפאר איז עס נמשך געווארן צו כל המינים.

עס איז טאקע פאראן נאך א טייטש אין שנה, מלשון איבער'חזר'ן, אז עס חזר'ט זיך איבער איצטער נאך אמאל די ענינים וואס זיינען געווען פריער, אבער לפי"ז וואלט דאך חדש אויך געקענט הייסן שנה, ווארום עס חזר'ט זיך איבער די ענינים וועלכע זיינען געווען מיט א חדש פריער,

נאר דער פי' אין שנה איז כנ"ל מצד שינוי, ד.ה. אז עס גייען דורך אלע שינוים פון קור וחום קיץ וחורף, א משך פון י"ב חדשים, ד.ה. אלע שינוים וואס עס קען זיין בעולם גייען דאך דורך.

דערפון איז א הוכחה וויבאלד אז בשמח"ת נעמט מען שמחה על כל השנה כולה, דארף נמשך ווערן שמחה בכל הענינים ובכל השינוים וועלכע קענען זיין בעולם.

לפי זה וואלט מען דאך געדארפט אנכאפן אזוינע שערים וועלכע זיינען כולל כל הכ"ב אותיות, ווארום כל ענין וענין איז נברא געווארן במאמר פיו ית' בלה"ק, און דאס באווייזט דאך אויף דער חיות פון דער זאך, און אעפ"כ האט כ"ק מו"ח אדמו"ר נאר דערמאנט שערי אורה און שערי ברכה און שערי הצלחה, וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק אז זיי זיינען ענינים כלליים, אויף אלע עניני העולם ווי עס איז מצד תורה.

אויך איז ניט פארשטאנדיק, דאס וואס ער זאגט אז די שערים נעמט מען דורך תורה, לכאורה די אלע ענינים זיינען געווען בעולם אויך פאר תורה,

די ערשטע שני אלפים פון ברה"ע ווערן דאך אנגערופן שני אלפים תהו, זיינען דארט פאראן די אלע הפלאות מיט אורות מרובים, און יעמולט זיינען אויך געווען גרויסע צדיקים וכו', און יעמולט זיינען אויך געווען אלע כ"ב אותיות התורה, ווארום די וועלט איז דאך באשאפן געווארן דורך תורה, און אט דער ענין ווערט נתחדש שטענדיק, המחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית, אעפ"כ איז לאחר זה געווארן א סדר חדש בעולם, עס איז געווארן א סדר פון שני אלפים תורה.

ד.ה. אז אע"פ אז פריער איז אויך געווען דער ענין פון די כ"ב אותיות התורה האט זיך אבער בעיקר אנגעזען דער ענין פון תהו, משא"כ אין די אלפים תורה, זעט זיך אן בעיקר דער ענין התורה.

קומט אויס אז בפנימיות איז דער קיום וחיות העולם אלעמאל פון תורה, און ווי עס שטייט אין מדרש אז תורה זאגט אני הייתי כלי אומנתו של הקב"ה במע"ב, אסתכל באורייתא וברא עלמא, וואס דאס איז געווען בהתחלת האלפיים הראשונים, אלפיים תהו, וואס דאס איז ווי וועלט איז מצד עצמו, קומט אבער שמח"ת וואס ענינו איז תורה, און איז מחדש א ענין אין וועלט וואס ביז איצטער איז דאס געווען תהו, און מאכט דערפון א ענין של תורה.

וואס טוט מען אויף בשמח"ת - אורה ברכה והצלחה. ולכאורה פארוואס דוקא די דריי זאכן, ואדרבה די דריי זאכן זיינען דאך געווען אויך פריער.

אורה איז געווען גלייך ביום הראשון של הבריאה כמ"ש ויאמר אלקים יהי אור ויהי אור, ואדרבה אור דיום ראשון אדה"ר צופה בו מסוף העולם ועד סופו, און דערנאך איז גנזו בתורה, ד.ה. אז אין תורה איז עס בהעלם, ביום הראשון איז עס געווען בגילוי, ווי עס שטייט וירא האלקים את האור כי טוב ויבדל אלקים



הנחה פרטית בלתי מוגה

בין האור ובין החושך, אז דער אור האט זיך אנגעזען בגילוי, אע"פ אז דאן איז נאך געווען ואדם אין, עס איז נאך ניט געווען עבודת אדה"ר, אבער נאך איידער ער איז באשאפן געווארן איז געווען דער אור בגילוי, און נאך דעם גנזו, זעט מען אז דאן איז געווען דער ענין האור נאך מערער בתקפו ווי לאחר מ"ת.

עד"ז אויך דער ענין פון ברכה איז געווען פריער, וכידוע פארוואס די וועלט איז באשאפן געווארן מיט א ב"ית - בראשית, ווארום ב' ווייזט אויף ברכה, איז דאך דער ענין פון ברכה ניט קיין חידוש פון מתן תורה.

און אזוי אויך דער ענין פון הצלחה איז אויך געווען יעמולט, ווי עס שטייט בסוף ששת ימי בראשית, וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד, דלכאורה וואס איז דער הוספה אין דער ווארט "טוב מאד", עס שטייט דאך שוין בכל הימים אז עס איז געווען "טוב" און אויך ביום הששי שטייט "טוב", וואס איז ער מוסיף מיט דעם ווארט "מאד?

זעט מען אז ביום הששי איז ניתוסף געווארן אז ער האט געזען ניט נאר אז עס איז טוב, נאר אז עס איז טוב מאד, און דאס גייט אויף דער גאנצע בריאה, את כל אשר עשה איז געווען בבחי' טוב מאד, וואס טוב מאד באווייזט אז עס איז נאך בעסער ווי מ'האט זיך אליין גערעכט, וואס דאס איז דער ענין ההצלחה,

ווי עס שטייט ויוסף הי' איש מצליח, איז דער טייטש אז ער האט געטאן מערער וויפל מ'האט פון אים ערווארטעט, ווארום בא פוטיפר זיינען דאך געווען נאך עבדים וועלכע האבן פארדינט זייערע ברויט, ווארום אויב ניט וואלט ער זיי ניט געהאלטן, און פונדעסטוועגן זאגט מען אויף יוסף אז ער איז געווען א איש מצליח, ד.ה. אז ער האט געארבעט און אויפגעטאן מערער ווי מ'האט פון איהם ערווארטעט.

אזוי איז אויך בענין בריאת העולם, וויבאלד אז דער אויבערשטער האט עס באשאפן איז עס דאך זיכער גוט, און צו דעם איז מען מוסיף "מאד"! און דאס זאגט מען אויף כל אשר עשה, ווייזט דאס אויף ענין ההצלחה.

ולפי"ז קומט אויס א סברא הפכית, ניט נאר אז תורה האט ניט גע'פועל'ט די ענינים נאר אדרבה עיקר אורה איז געווען בפני אלפים תהו, עיקר ברכה וואס ענינו איז אז עס זאל ניט זיין בהעלם, נאר עס זאל זיין המשכה בגילוי, איז געווען בשעה שנברא העולם על מילואו, און עיקר ההצלחה איז געווען ביום ו' לפנות ערב, וואס דאן איז געווארן פון טוב - טוב מאד, משא"כ שפעטער שטייט שוין תלדות חסר, אז דורך חטאים איז געווארן דער היפך פון די אלע דריי ענינים ווי זיי זיינען בשלימותם, ובפרט שפעטער לאחר חטא העגל.

אע"פ אז מ'זאגט אז בכל ר"ה ווערט נמשך א אור חדש שלא הי' לעולמים, און עס קומט ארויס בגילוי, איז דאך איצטער פאראן א גרעסערע אור ווי עס איז יעמולט געווען, דאס רירט אבער ניט אן אין וועלט, משא"כ יעמולט דער אור האט אנגערירט וועלט, ביז אז מיר זאגן אז כ"ו דורות וואס זיינען געווען פאר מ"ת ניזונים מחסדו של הקב"ה, און זיי האבן געלעבן א סאך יארן מערער ווי מ'לעבט נאך מ"ת, וואס מ'לעבט בלויז זיבציג יאר ואם בגבורות שמונים שנה והי' ימיו מאה ועשרים שנה, וואס דאס איז אזוי אפי' מצד תורה, ווי מ'זעט אז משה האט נאר געלעבט ק"כ שנה, און דאס ווערט נרמז גלייך בהתחלת החומש בשגם הוא בשר והיו ימיו מאה ועשרים שנה, וואס דאס גייט אויף משה, זעט מען אז אפי' מצד תורה איז עס אזוי ווארום מ'זאגט דאך משה מן התורה מנין, משא"כ יעמולט האט דער אור גע'פועל'ט אין וועלט.

פונדעסטוועגן זאגן מיר אז שמח"ת טוט ניט אויף אז עס איז ממשיך תורה אין וועלט, נאר אורה ברכה והצלחה, און די אלע ענינים נעמט מען דורך תורה, וכפי שית' לקמן.



הנחה פרטית בלתי מוגה

(דאס וואס מ'האט גערעדט וועגן נעמען אכט כוסות האט גע'פועל'ט א חלישות אויף דעם עולם, ולכאורה בשעת מ'נעמט יין קאן עס פועל'ן אז מ'זאל אנטשלאפן ווערן און אויך ניט אזוי שנעל, אבער ניט בלויז דורך א ידיעה וועגן וויין זאל פועל'ן שינה! דאס איז א חידוש פון ארצוה"ב.

מ'זעט אז נח האט געפלאנצט א גפן איז ער שפעטער אנטשלאפן געווארן, איז דאס אבער ניט געווען בלויז פון דער ויטע גפן אליין, נאר דורך דעם וואס שפעטער האט ער פון דעם געמאכט וויין און האט פון דעם געטרונקען איז ער אנטשלאפן געווארן, אבער ניט פון די הודעה אליין).

* * *

ד. לכאורה וואלט מען געקענט זאגן אז דער אויפטו פון תורה איז, עס זאל ניט זיין קיין נהמא דכיסופא, און אויך עס זאל זיין די עבודה פון אתהפכא חשוכא לנהורא, וואס לפי"ז וואלט געווען פארשטאנדיק אע"פ אז גלייך בהתחלת הבריאה איז געווען דער ענין האור, איז עס אבער ניט נתהפך געווארן פון חשך, ווארום בב' אלפים תהו איז דאך ניט געווען עבודה בתומ"צ וואס דורך דעם ווערט דער ענין ההתהפכא, אויך דער ענין פון ברכה וואס איז געווען פריער איז געווען באופן פון נהמא דכיסופא, ווארום מ'זאגט דאך אדם רוצה בקב שלו יותר מתשעה קבים של חבירו, וואס הגם עס איז דא תשעה קבים, שזהו"ע הברכה, דאס איז דאך אבער של חברו, ניט זיינע, וואס דאס איז דער ענין פון נהמא דכיסופא, אזוי אויך בנוגע דעם אויבערשטן רע, ווי עס שטייט רעך ורע אביך אל תעזוב, איז געווען דער ענין פון תשעה קבים של חברו, ד.ה. נהמא דכיסופא.

און אין דעם ענין איז דער אויפטו פון תורה בענין שערי אורה ושערי ברכה, הגם אז מיר זאגן אז דער מעלה פון לע"ל איז אז עס וועט זיין ווי עס איז געווען קודם המבול, זעט מען דאך אז יעמולט איז יע געווען תכלית השלימות, איז אבער יעמולט ניט געווען ברכה אמיתית, ווארום אדם רוצה בקו שלו, און דאן איז געווען דער ענין פון תשעה קבים של חברו.

עד"ז בנוגע לאורה, הגם יעמולט איז געווען א גרעסערע אור, איז אבער זיין מעלה בלויז בכמות וואס מביט מסוף העולם ועד סופו, משא"כ דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא, כאטש ער קען זיין א אור קטן באיכות איז ער אבער גרעסער, הגם אז אור ביום הראשון איז זיין מעלה אויך געווען באיכות, זיינען אבער דא מדרגות אין איכות, און די דרגא הכי נעלה באיכות איז דער אור שנתהפכא מן החושך.

וואלט דאס לכאורה געקענט זיין דער ביאור פארוואס דער ענין פון שערי אורה וברכה זיינען פארבונדן מיט שמח"ת. עס איז אבער ניט ריכטיק, וואס אויך אין די שני אלפים תהו איז געווען די ענינים.

ווי רש"י איז מפרש אויף טוב מאד, זה יצה"ר, וואס דאס איז דער ענין פון היפך החיים, און דאס איז מען מהפך און מ'מאכט פון דעם טוב, וואס מצד דעם ווערט ער אנגערופן טוב מאד, זעט מען דאך אז אויך יעמולט איז שוין געווען דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא.

אויך איז געווען דער ענין פון היפך נהמא דכיסופא דאן, ווי עס שטייט ואדם אין לעבוד את האדמה, און דערפאר איז געווען ואד יעלה מן הארץ, און ווי עס שטייט אין מדרש וויבאלד עס איז ניט געווען תפלת התחתונים איז עס געווען נהמא דכיסופא, אבער גלייך דערנאך אז דער אויבערשטער האט באשאפן אדה"ר האט ער שוין מתפלל געווען אויף די גשמים, און ער האט פועל געווען, זעט מען דאך אז אויך בב' אלפים תהו האט דער ענין פון עבודת התחתונים אויפגעטאן, ואדרבה, יעמולט זיינען די ענינים געווען נאך שטארקער.

ווי מ'זאגט וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד, וכנ"ל אז דער ענין

הנחה פרטית בלתי מוגה

פון טוב מאד, ווייזט אויף די עבודה פון אתהפכא, זאגט מען כל אשר עשה, אלץ איז געווען אין א דרגא פון אתהפכא, משא"כ בב' תורה איז דער בירור לאט לאט און דער שלימות הבירורים וועט זיין בסוף שני אלפים ימוה"מ וואס קומט לאחר שני אלפים תורה.

אזוי אויך בנוגע לברכה, זאגט מען אז באחרית הימים וועט זיין ווי עס איז געווען קודם המבול, זעט מען דאך אזוי ווי דער וועלט איז דאן געשטאנען איז עס געווען בבחי' נעלית, מוז מען דאך זאגן אז אויך יעמולט איז עס ניט געווען אין א אופן פון נהמא דכיסופא, און אויך איז געווען דער ענין האתהפכא, דערפאר קען מען ניט זאגן אז דאס איז דער אויפטו פון תורה ווארום דאס איז דאך געווען אויך פריער, ובאופן של אי"ע, וכנ"ל אז בשני אלפים תהו איז געווען די כ"ו דורות שניזונים בחסדו של הקב"ה, וואס כנגד זה זאגט מען כ"ו פעמים כי לעולם חסדו, און אויך אויף למטה האט עס גע'פועל'ט אז עס איז געווען א שופי גדול.

עפ"ז מוז מען זאגן אז דער ענין השמח"ת טוט אויף א דבר חדש וואס איז באי"ע צו די ענינים אזוי ווי זיי זיינען געווען בב' אלפים תהו, ביז אז מ'זאגט אז עס הויבט זיך אן א נייע תקופה און א אופן חדש של עבודה און שמח"ת איז א כלל פון אלע ענינים כללים פון תשרי.

דער אויפטו אין תורה איז א ענין שבאי"ע לגמרי, אז פון נברא זאל קאנען ווערן בורא, ביז יעמולט איז אויך געווען טאקע א השפעה מרובה וכו' עס איז אבער געווען די גזירה פון עליונים לא ירדו ותחתונים לא יעלו, כמבואר במדרש, דערפאר טאקע עליות מחיל אל חיל איז געווען, און ער האט געהאט אורה ברכה און הצלחה, אלע ענינים בלי גבול, ביז וואנעט אבער האט ער דערגרייכט - ניטש ארויס גיין מגדר נברא.

תורה אבער פועל'ט א מציאות חדשה, עס זאל קאנען ווערן פון נברא בורא, ווי מען זאגט בברכת המצות אקב"ו, אז דורך קיום המצות ווערט א איד א צוותא און נאך מערער א חיבור עם הקב"ה, ובאופן של דביקות, כמ"ש ואתם הדבקים בד' אלקיכם חיים כולכם, וואס אויף תורה ומצות שטייט כי הוא חייך, און דאס האט זיך אויפגעטאן בעת עס איז נתבטל געווארן די גזירה.

דער ענין פון ויפח באפיו נשמת חיים איז געווען בעת ברוא אדה"ר און דערנאך איז פון די אבות לבניהם נמשך געווארן ביז מעמד ה"ס, עס איז אבער נאך אלץ געווען א גזירה, מ"ת האט גע'פועל'ט דעם ביטול הגזירה, און א איד מיטן אויבערשטן זאלן ווערן חד, אז דער ניצוץ בורא מיט יחידה שבנפש זאל זיין פארבונדן מיט דעם גוף, ביז אז אים ווערט ואתם הדבקים בד' אלקיכם חיים און דערפאר איז ביי אידן למטה אויך פאראן דער ענין החיים, און וויבאלד אז דער אויבערשטער איז חי זיינען כל עניננו חיים.

איז די אלע ענינים וועלכע קומען נאך דעם זיינען באופן של אי"ע, דערנאר ביז מ"ת האט מען דערלאנגט ביז בחי' אריך, חיצוני' הכתר, וואס דאס איז נאך אלץ בחי' נברא, דורך תורה אבער ווערט אותי אתם לוקחים, און נישט אז מ'נעמט דאס און עס בלייבט א ענין בפני עצמו, נאר אז ישראל ווערן חד עם קוב"ה דורך אורייתא.

פריער איז עס טאקע תלת, בשעת אבער ער זעצט זיך לערנען און מאכט א ברכת התורה ווערט פון די אלע חד, וואס דאס האט זיך אויפגעטאן דורך מ"ת.

עפ"ז ווערט אבער נישט פארשטאנדיק דער קצה השני, ווארום אויב אזוי וואלט ער געדארפט זאגן אין דער שיחה אז תורה איז דאס תכלית שלימות האדם, וכמבואר אויך אין מכ' כללי, אז אויך א מדבר האט וואוהין עולה זיין, ועי"ז קומט ער צו זיין שלימות, וואס דאס איז דער ענין התאחדות מיט דעם אויבערשטן, ע"ד ווי



הנחה פרטית בלתי מוגה

עס איז בנוגע לדצ"ח, אז די כוונה פון יעדערן זיי זאלן נתעלה ווערן און העכערן.

אז בשעת חי עסט צומח, ביז ער ווערט דם ובשר כבשרו, און מ'קאן צווישן זיי ניט מחלק זיין, דאס איז דער תכלית השלימות פון דעם צומח, ועד"ז בשעת מדבר עס א חי.

אזוי אויך איז שלימות האדם ער זאל ווערן דם ובשר כביכול אין דעם אדם העליון, נתאחד ווערן מיט דעם אויבערשטן.

וואס דאס איז כל ענין הקרבנות, ווי דער רמב"ן איז מאריך אין דעם אז עיקר הקרבן איז וואס ער איז זיך מצייר כאילו ווי מ'וואלט עס געטאן מיט אים. וכידוע די תורת אדמוה"ז אויף אדם כי יקריב מכם, דלכאורה וואלט געדארפט שטיין אדם מכם כי יקריב, נאר דאס איז וויבאלד אז עיקר ותכלית הקרבן איז עס זאל זיין "מכם", וכלשון הפסוק "להקריב חלב ודם", און דאס ווערט אנגערופן לחמי לאשי, ישראל מפרנסים לאביהם שבשמים.

ולפי"ז וואלט ער געדארפט זאגן אין דער שיחה בסגנון כזה וואס זאל ארויסברייינגען דעם ענין, און ניט דערמאנען אזוינע ענינים וועלכע זיינען לכאורה באי"ע לגבי דעם עיקר ענין.

איז דער ביאור אין דעם:

תורה איז דאך לא בשמים היא, לכתחילה איז זי געווען חמודה גנוזה, שעשועים לפניו ית', דערנאך אבער איז תורה געגעבן געווארן למטה מעש"ט, ועי"ז איז צוגעקומען א עילוי אין אלע ענינים, אין תורה גופא אויך,

אמת טאקע איז נתינת התורה איז דאס לתועלת ישראל, אבער צוליב דעם זאל ווערן א חסרון אין תורה, עס איז דאך השופט כל הארץ לא יעשה משפט, מוז מען דאך זאגן אז דורך דעם איז צוגעקומען אויך אין תורה,

און ווי עס שטייט אין ספר הבהיר, אז דוד הי' מחבר תורה מיט קדב"ה מיט א"ס, הגם אז ביז דאן איז געווען דער ענין התורה, און אעס איז געווען א"ס, האט זיך אבער אויפגעטאן א חידוש - חיבור פון תורה מיט א"ס, וואס דאס ברייינגט א עילוי אין תורה העכער ווי זי איז מצד עצמה.

אזוי אויך איז בכאו"א אז בכחו לחבר תורה מיט א"ס, אז תורה מצ"ע איז נברא און ניט בורא, ווארום ס'איז דאך תורה ניט נותן התורה, קענען אבער אידן אויפטאן עס זאל ווערן חד מיט דעם נותן התורה,

וכידוע די קשיא וואס מ'פרעגט אויף דעם וואס שטייט אז "תלת קשרין מתקשרין דא בדא ישראל באורייתא ואורייתא בקודב"ה", דלכאורה עס זיינען פאראן בלויז דריי זאכן, במילא זיינען דאך גענוג צוויי קשרין, איין קשר פארבינדט דער א' מיטן ב' און א צווייטער קשר פארבינדט דעם ב' מיט דעם ג'.

שטייט דער תירוץ אויף דערויף, אז דערנאך פארבינדט זיך דער א' מיטן ג', ובמילא דארף דאך זיין א דריטער קשר. ובעניננו איז דאס אז ישראל זיינען מוסיף אין תורה.

לכתחלה איז טאקע דער סדר ישראל אורייתא וקוב"ה, ד.ה. אז אורייתא געפינט זיך צווישן ישראל און קוב"ה און איז זיי מחבר, שפעטער איז אבער דער סדר אורייתא ישראל וקוב"ה, אז ישראל געפינט זיך צווישן אורייתא און קוב"ה און פארבינדט זיי.

ווען טוט זיך אויף אט דער ענין אז אידן פועל'ן א עלי' אין תורה, איז

דאס בשמח"ת. א גאנץ יאר איז תורה מחבר אידן מיטן אויבערשטן, בשמח"ת אבער זיינען אידן מחבר תורה מיט דעם אויבערשטן. ווי עס שטייט אין זהר אז נהיגין ישראל צו מאכן א חדוה וקרין לי' שמחת תורה ומעטרין הס"ת בכתר שלו, וואס דאס ווייזט אז אידן פועל'ן אן עלי' אין תורה.

ווארום דער ענין הכתר איז העכער אפילו פון ראש המלך, וואס אפילו דער שכם המלך איז העכער פון שאר בנ"א וכמ"ש משכמו ולמעלה גבוה מכל עם, כ"ש דער ראש המלך וכ"ש דער כתר המלך על הראש, וואס דאס איז די העכסטע זאך פון מלך.

וואס דערפאר איז דער דין אז אין משמשין בכתר המלך, און דערפאר זעט מען אויך אז בשעת המן האט געזאגט אז מ'זאל אנטאן אלע מלבושי המלך, ואשר ניתן כתר מלכות בראשו, איז דעם סוס ולבוש האט מען אים טאקע געגעבן אבער נישט דעם כתר, און דא זאגט מען אז מעטרין לס"ת בכתר דילי', אז מען איז ממשיך אזא בחי' נעלית בשמח"ת.

און ער זאגט דארט אין זהר וקרית לי' שמח"ת, וכמבואר בשעיחוה"א בנוגע לענין השם אז דאס איז דער חיות פון די זאך. דאס טוט זיך אויף בשמח"ת אז מען איז ממשיך דעם כתר תורה, וואס איז העכער פון ספר תורה אליין און מ'איז ממשיך דעם נותן התורה וואס איז העכער פון דער תורה אליין.

דער ענין התורה וואס איז געגעבן געווארן בעת מ"ת דאס האט דער אויבערשטער געטאן, און דאס איז די דרגא ווי תורה פועל'ט אויף אידן, משא"כ בשמח"ת דאס איז דער אויפטו פון אידן אין תורה. כלשון הזהר נהיגין ישראל לעשות חדוה גדולה, וואס טוט זיך אויף דוקא דורך אידן, וכלשון דוד מחבר אורייתא וקוב"ה.

דאס איז דער פירוש פון תורה לשמה, ניט נאר אז דאס איז אן זייטיקע כוונות, נאר ווי די הלכה לשמה בנוגע לשטר ולס"ת איז אז מ'דארף האבן כוונה אז מ'טוט דאס צוליב די ס"ת און צוליב דעם שטר.

אזוי אויך ביי תורה לשמה איז דער פירוש אז מ'טוט דאס צוליב תורה, מ'טוט א טובה תורה.

לכאורה וואס דארף תורה אנקומען צו זיין טובה, תורה איז דאך געגעבן געווארן פון דעם נותן התורה, און תורה איז אין די דרגה פון איהו וחיוהי חד וואס דאס איז העכער פון דעם יחוד איהו וגרמיהו חד, איז אבער דא דער ענין פון איהו וואס איז נאך העכער אפילו פון חיוהי, און דאס טוען אידן אויף אין תורה, ובמילא ווערט דאס העכער ווי מצד מתן תורה.

און דאס קאנען אויפטאן אידן דוקא בעוה"ז, אין ג"ע קען מען ניט אויפטאן די ענינים, מ'לערנט טאקע דארט, אבער קיינע מצות איז דארט ניטא, דארט איז טאקע פאראן לימוד התורה באופן נעלה יותר, בלי ענינים המבלבלים עכ"פ אן ענינים המגבילים, דארט איז אבער ניטא דער ענין כלום יצה"ר יש ביניכם, כלום אב ואב יש לכם,

די כוונה איז דאך אז דוקא אין עוה"ז זאל זיין תורה, און פון די גאנצע וועלט זאל ווערן בורא, עס זאל זיין דער ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו, אז אפילו עניני בשר פון א איינו יהודי וועלן אויך זען אלקות, און ניט נאר א מדבר נאר אויך בעלי חיים וועלן זען דעם כח הפועל בנפעל.

איצטער זיינען זוכה זען - דעם כח הפועל בנפעל - נאר יחידי סגולה, און ניט דעם באלקאן, און דאס גופא נאר אין זמנים מיוחדים.

די כוונה איז אבער אז ער זאל צוקומען צו אזא בחי' אז אלע זאלן זען דעם כח הפועל בנפעל, און דאס האט זיך אויפגעטאן במ"ת דוקא, ווארום צו זען דעם

כח הפועל בנפעל, דארף זיין דער ביטול הגזירה, ווארום דער כח הפועל דאס איז דאך א ענין של עליון, דער נפעל איז א ענין של תחתון, און בכדי עס זאל זיין חיבורים, איז דאס ע"י ביטול הגזירה.

ניט נאר זאל אזוי זיין אין נפש אלקית, וואס זי איז שוין פון אלעמאל א חלק אלוקה ממעל ממש, און דער חלק איז אראפגעקומען למטה און מחי' געווען באופן פנימי ניט נאר אין א אופן מקיף, עס איז אבער אויף דעם חל געווען די גזירה, און דער ביטול הגזירה איז געקומען דורך מ"ת, ווארום אפילו מעשה המצוות של האבות האט אויך נישט דורך געגומען דעם גשם באופן פנימי, משא"כ לאחרי מ"ת.

עפ"ז קומט אויס אז דער אויפטו פון מ"ת איז אז מ'באלייכט די וועלט, און מ'טוט אויף ברכה און דערנאך הצלחה, (וואס איז העכער פון אורה וברכה, בדוגמת כתר וואס איז העכער פון אורייתא וישראל).

אלע ענינים פון חסידות וקבלה, זיינען דאך אויך פאראן אין איינפאכע ענינים.

דאס איז ע"פ המבואר עה"פ יחיינו מיומים ביום השלישי יקימנו, וואס דאס גייט דאך אויף ר"ה ויוהכ"פ, און וויבאלד אז אלע ענינ' ר"ה ויוהכ"פ קען מען נעמען אויך דורך קו השמחה, איז דערפון מובן אז דער יום השלישי איז אויך פאראן בחגה"ס, ובפנימי' בשמע"צ ושמח"ת, וואס דער יום השלישי איז דאס בדוגמת הענין הנ"ל - כתר תורה.

שערי אורה און שערי ברכה איז דאס אורות וכלים, ווארום פון אורות ווערט נמשך אורה, און פון כלים ווערט שערי ברכה, ווארום בכדי עס זאל זיין דער ענין הברכה דארף זיין א כלי. דערנאך איז פאראן א דרגה העכער פון בידע וואס דאס ווערט אנגערופן בשם הצלחה, און דאס טוט זיך אויף דוקא בשמח"ת.

לכאורה דארף מען אבער פארשטיין פארוואס איז דאס פארבונדן מיט תורה און ניט מיט מצוות, זאגט דער רבי דער נשיא, ניין! אז דוקא דורך תורה, ע"פ המבואר בתניא דער חילוק פון תורה ומצוות, אז מצוות איז נישט משנה דעם גשם, בלויז דעם מעשה גשמיות וואס ער טוט מיט דעם איז משנה דעם גשם, ער איז אבער נישט ניכר קיין שום שינוי בגלוי דורך די מצוה וואס ער טוט אין דעם, ע"י הנחת התפילין זעט זיך נישט אן אין קלף אז עס איז געווארן אנדערש משא"כ ע"י התורה זעט זיך אן בגלוי א שינוי אין וועלט, וכידוע דאס וואס ער זאגט אין ירושלמי עה"פ לא-ל גומר עלי. אז אויב מ'פסק'נט אנדערש ווערט אנדערש אין וועלט.

עס איז טאקע א דבר ברורו אז דורך אנטאן תפילין ווערט א שינוי אין דעם אדם הלובשן, בגלוי אבער זעט מען דאס ניט, נאר יחידי סגולה קאנען דאס זען, ע"ד ווי דער ינוקא פון זהר וואס ער האט געקאנט דערקאנען אז זיי האבן געטאן א מצוה.

ועד"ז די וואס האבן אפענע אויגען, און דורך תורה און תורה ביגיעה קענען זיי זען אין דעם מענטשן א שינוי בשעת ער טוט א מצוה. משא"כ בא לימוד התורה קען יעדער זען דעם שינוי, ווארום עס קומט צו א תוספות ידיעה, לגבי דעם וואס ער האט פריער געהאט, וואס דאס איז ע"ד המבואר לעיל אז ע"י התורה איז צוגעקומען אין וועלט אורה, ברכה והצלחה.

און דורך תורה ווערט נמשך אין חיי היום יום, בהקדמת עבודת התפלה, אז עס ווערט א שנת ברכה און שנת הצלחה אין ענינ' תורה ומצוות, און אויך אין ענינ' רשות, און בכל דרכיך דעהו, מתוך שמחת התורה טוט מען אלץ מתוך שמחה וטוב לבב, ובאופן של ברכתו של יעקב, און אויך בברכת אף שמיו יערפו טל, וואס דאס איז די ברכה של יצחק וואס די ברכות הכי נעלות זיינען פון יצחק, וואס ער האט געזאגט ויתן לך אלקים מטל השמים ומשמני הארץ, און ווי רש"י איז מפרש

יתן ויחזור ויתן, וועט דאס זיין כפשוטו בכל הפרושים שבדרשות חז"ל, למטה מעשרה טפחים לכל אחד ואחת.

* * *

ה. די ענינים ווי זיי זיינען אין קבלה וחסידות קומען אויך אראפ אין א פועל ממש אז עס זיינען פאראן שערי אורה און שערי הצלחה, וואָרום בשמח"ת זיינען פאראן תרעין פתיחין, און ניט בלויז אז די שערים זיינען אפען און מ'קאן נעמען נאר דער אויבערשטער איז לקחו בידו ומעמידו על חלקו, און ווי ער זאגט דארטן נעמט מען דאס ע"י תורה בשמח"ת.

דא מיינט מען ניט מ'זאל זיך זעצן לערנען, וואָרום מער פעלט מיר ניט איך זאל הייסן זיך זעצן לערנען, די רביים האבן געהאט ברייטע פלייצעס האבן זיי דאס געקאנט טאן, אבער אזוי איז ניט דער ענין פון שמח"ת, זיצן און לערנען.

בשעת מ'האט געדרוקט דעם החלצו האט מען שטארק געאיילט עס זאל זיין פארטיק פאר שמח"ת, וואס בפשטות איז דער טעם אויף דעם געווען, אז וויבאלד דער יאָצ"ט איז געווען בשמח"ת האט מען געוואלט עס זאל זיין פארטיק פאר שמח"ת.

אזוי ווי עס איז דורכגעגאנגען דורך מיר, און איך בין אריין צום רבי'ן און מ'האט גערעדט וועגן דעם מאמר, האב איך געזאגט אז וויבאלד אז דער מאמר וועט זיין פארטיק אויף שמח"ת, וועט מען עס קאנען לערנען שמח"ת, האט דער רבי מיר אזוי אנגעקוקט מיר מיט א וואונדער - צי דען וועט מען שמח"ת זיצן און לערנען.

וואס דערפער געפינט מען אויך אז בשמח"ת פלעגען בכלל זיין קורצע מאמרים, מצד דעם וואס ניט ענינו של שמח"ת לימוד התורה.

דא וועט מען אנטשלאפן פאר אמירות המאמר, אנדערע האלטן זיך איין ביז דעם מאמר אבער דערנאך וועט מען אנטשלאפן, און אנדערע הערן נאך דעם פסוק, און אנדערע מהדרים הערן נאך אויך די קשיות, און ער באטראכט צי די קשיות איז א גוטע צי ניט, און אנדערע האלטן זיך איין ביז נאכן מאמר און יעמולט וועט ער אנטשלאפן, - אבער אנטשלאפן ווערן מוז ער, און עס איז ניט צוליב מיינע רייד, נאר עס איז אי אפשר בלא"ה, ["שמח"ת שאט ניט קאן מען ריידן"].

וכאמור אז עס זיינען דא אזוינע וואס האלטן זיך איין ביז צום סוף, אבער דערנאך שלאפט ער, וואָרום עס איז א א"א בלא"ה, קצת שינה מוז זיין.

בנוגע לענינינו: מ'האט דאך פריער גערעדט אז עס איז ניתוסף געוואָרן די נקודה אז מ'דערהערט בורא, און כל מציאותו ווערט מציאות האדון, וואס דאס נעמט מען ע"י תורה, און עס טוט זיך אויף די ענינים פון אורה, ברכה והצלחה.

ענין האור איז, וואס אין מקרא יוצא מידי פשוטו, אז עס מאכט ניט אויף קיין נייע מציאות, נאר עס פועל'ט אז לאחר וואס מ'ווייסט פון דעם מציאות אבער מ'ווייסט ניט וואס פאר א מציאות דאס איז, און ע"י האור וואס באלייכט קאן מען זען וואס פאר א מציאות דאס איז, און וואס מ'זאל טאן מיט די מציאות.

עד"ז איז דער ענין התורה, אז עס איז תורה אור, אז עס קומט אראפ למצריים ירדתם, און עס באלייכט דארטן אלע ענינים, ביז אפילו ווי תורה קומט אראפ לשבעים לשון, ניט אויף להי"ק, און עס הייסט "אוריתא" באווייזט עס אויך אויף דעם ענין האור, כפי' כ"ק מו"ח אדמו"ר אז אוריתא מיינט אור-יאתא, אז דאס ברענגט אור לכל מקום ומקום.

מ'זעט טאקע א וועלט אבער מ'ווייסט ניט אז בראשית ברא אלקים, אז דער



הנחה פרטית בלתי מוגה

אויבערשטער האט באשאפן דעם וועלט, ווי עס שטייט אויף מי העיר ממזרח אל תקרא העיר אלא האיר, אז אברהם האט אויפגעליכטן די וועלט דורך דעם וואס ער האט מכריז געווען בעולם אז דער אויבערשטער איז דער בעה"ב אויף דער וועלט.

און אפילו יעמולט האט מען אויך ניט געוואוסט וואס איז דאס אז דער אויבערשטער איז בעה"ב אויף דער וועלט, ווארום אע"פ אז אויף אברהם זאגט מען כליותיו היו מלמדות אותו חכמה, ווי דער רמב"ם ברייננגט עס בספרו יד החזקה, וואס דאס איז א ספר של הלכות, באווייזט דאס אויף אמיתית הדבר, אעפ"כ איז נאך יעמולט געווען די גזירה אז תחתונים לא יעלו לעליונים, און עס האט ניט געקאנט זיין א התחברות און א התקשרות מיט דעם אויבערשטן אין א אופן ער זאל ווערן איין מציאות, ובמילא האט מען עס ניט געקאנט זען אז ער איז אחד, אין די שני אלפים תהו.

תורה אבער פועל'ט און מאכט ליכטיק אז מ'זאל דאס דערזען.

דער עיקר אין תורה איז טאקע דער קב"ע בתומ"צ, עס דארף אבער אויך זיין אין הבנה והשגה, און אין א אופן פון יגעת ביז אז ער ווערט איין מציאות מיט תורה, אז התורה נקראת על שמו, און ווי עס איז געווען ביי משה זכרו תורת משה עבדי.

און בכדי עס זאל זיין: א אפשריות אויף אזא ענין, איז דאס געווארן לאחרי מ"ת.

עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק אז כאטש עס איז פארן צוויי אופנים עבודה, ישכר און זבולון, וכידוע אז עס זיינען פאראן עשר דרגות ביי אידן, און צווישן זיי זיינען אויך פאראן בעלי אורייתא און בעלי עובדין טבין, איז דער חילוק אבער צווישן זיי בנוגע להאור.

ביידע האבן א מציאות האמיתי, אבער צו זאגן אז עס איז געווארן ליכטיק קאן מען דאס בלויז אויף דעם וואס לערנט תורה, און אין אן אופן אז ער ווערט איין מציאות מיט תורה.

דאס איז דער ענין פון שערי אורה, וואס ווערט ע"י התורה דוקא, און קיין אנדער וועג איז ניטא מ'זאל קאנען צו דעם צוקומען.

מ'מיינט דא ניט שולל זיין דעם ענין המצוות, און אויך ניט סתם לימוד התורה, ווארום אין דעם זיינען גרויסע ענינים אין מצות איז פאראן דעם ענין פון קב"ע, און לימוד התורה אויב ס'איז פאראן דעם ברכו בתורה תחלה איז הקב"ה קורה ושונה כנגדו, אבער בכדי ביי אים זאל לייכטן ליכטיקייט בתכלית השלימות איז דאס דוקא אז ער ווערט א תורה'דיקער מציאות.

נאך מער מובן איז דער ענין פון שערי ברכה וואס ווערט ע"י התורה. וואס דאס איז אויך מובן פון דעם משל, אז בשעת עס איז חושך איז טאקע דורך דעם חוש המישוש טאפן די זאך און פילן אירע קצות וכו'. אבער ער קאן פון די זאך ניט ארויסגריגן די ברכה: תכלית השלימות, ער קאן טאקע וויסן צי עס איז קלאכדיק צי ניט, צי עס איז אליין צי גרויס, און אויך וואס פאר א ריח דאס האט, אבער כל זמן ער זעט ניט די זאך קאן ער עס ניט אויסנוצן בתכלית השלימות.

משא"כ בשעת עס ווערט ליכטיק אין שטוב ווערט דער ענין הברכה, און עס איז ניט געבנוג אז דער ענין איז פאראן נאר ער נוצט אויס די זאך באופן הכי טוב והכי נעלה, און עס גייט ביי אים אוועק אויף גוטע זאכן.

מ'דארף אז העדר שמירת שבת איז א שטער צו פרנסה, לכאו' זעט ער פונקט דער היפך, אז דער וואס האלט אפן שבת האט נאך א טאג קונים אין זיין געשעפט, האט ער נאך געלט, אי מ'טאר ניט, וועט ער תשובה טאן, ער זאגט אז דער אלטער

רבי זאגט אז קאן זיין דחק ונכנס, און ברייטקייט פעלט דאך ניט אין אמעריקא.

דארף מען וויסן אז אפילו די וואס יאגן זיך נאך געלט, איז ניט אין דעם דער תועלת הדבר נאר זיי זאלן מקבל זיין די און די ענינים, נאר עס ענדיק זיך ניט בלויז ביי דעם וואס ער וויל האבן געלט, און יאגט זיך ר"ל בלויז נאך געלט, און דערנאך ווערט ער א קמצן, און ביי דעם באשטייט זיין הנאה.

מ'דארף אבער זיין בטוח אז די געלט וועט ביי אים בלייבן, און עס וועט אוועק גיין אויף ענינים שיש בהם ממש, ווארום אויב די געלט קומט ניט אין א גוטן אופן קאן די געלט אוועק גיין אויף ניט פאר קיין אידן געדאכט און ווי מ'האט געזעהן אליין מיט די אויגן אז די געלט גייט אוועק אויף ענינים לא טובים און מ'בלייבט אן געלט.

וואס דאס איז נאך ערגער פון איינעם וואס האט קיינמאל ניט געהאט קיין געלט, ווארום ער האט שוין פארזוכט דעם טעם פון געלט, איז במילא דער צער כמה פעמים ככה.

ובמילא אז מ'רעדט וועגן די געלט וואס מ'פארדינט בשבת, דארף מען זיין בטוח אז ס'וועט אוועק גיין אויף ענינים טובים, און עס וועט בלייבן ביי אים אין א גוטן אופן.

וואס דאס איז דער ענין פון בזבוז, מ'קויפט און מ'פארקויפט, דאס איז נאר וואס ער איז ממשיך ומגלה די ענינים וועלכע זיינען זיינע, ער האט אבער ניט קיין ריוח-ברכה דערפון, בשעת אבער עס איז פאראן שערי אורה, יעמולט קען ער אויסנוצן ברכת ה' באופן עס זאל זיין א ברכה דא למטה.

בנוגע לשערי הצלחה, לאחר וואס ער האט תורה וואס נקראת על שמו און ער האט אויך אויסגענוצט די ענינים פון חלקו בעולם וואס מ'האט אים געגעבן, אז די מסחר האט ער געפירט אחר התפלה און די שעורים בתורה ונתינת הצדקה, דאן ווערט ביי אים אור גייענדיק צו זיין מטרה, במילא זעט ער וואס צו טאן און ווי אזוי יעדן ענין אויסנוצן, יעמולט האט ער אויך דעם ענין ההצלחה, אז ער האט מער פון וויפל ער האט זיך פארגעשטעלט, אז ער ווערט ויברכהו ה', ווארום בשעת עס איז פאראן דער ענין פון אורה און ברכה ווערט נתוסף דער ענין העולה על כולנה, אז ער האט הצלחה מופלגה.

דער ענין פון שערי אורה איז אז ער לערנט אין ליכטיקייט, ד.ה. אז ער גייט אין גלייכן וועג, און ניט אין אן אופן פון במחשכים, און ער האט ניט די קשיות פון תלמוד בבלי, הגם זיי זיינען קשיות אמיתיים, זיינען זיי אבער קשיות.

ועי"ז ווערט ביי אים ברכה, אז ער איז מקיים מצוות בתכלית השלימות, ביז צו בכל דרכיך דעהו, ועי"ז ווערט ביי אים אור בכל עניני עולם.

ס'איז דאך די הבטחה בשעת עס וועט זיין בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו, שתהיו עמלים בתורה, וועט זיין ונתתי גשמיכם בעתם, אז עס וועט זיין נתתי אז עס ווערט געגעבן פון דעם אויבערשטן, וכל הנותן בעין יפה נותן, ביז מ'וועט צוקומען צו ואולך אותכם קוממיות, מיט אלע פירושים וועלכע זיינען פאראן אין פשטני המקרא, און אין מדרשי חז"ל, און דאס זאל זיין בפו"מ למטה מעשרה טפחים, ובהצלחה רבה ומופלגה און ער פועל'ט אז עס איז אין א אופן של פנים בפנים, אז ער איז מקבל בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות, אע"פ אז ער איז בטבע א מרה שחורה'ניק און ער זעט קאפויער, ווערט ער אבער בשמחה און א שמחה כפולה, און מ'טאנצט אריין אין דעם ויעקב הלך לדרכו, אז עס ווערט א שנת שמחה מופלגה ביז אין א אופן של ריקוד, ביז מ'טאנצט אריין לקראת משיח צדקינו בעגלא דידן.

* * *



הנחה פרטית בלתי מוגה